„Radomer-Kieleer Leben" 9 (349) „Nale żytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשן

# ראדאמער-קעלצער לעבן

היינט 8 זייטן.

Radom, dnia 27 Lutego 1931 r.

ראדאם, פרייטאג י' אדר תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט אומהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

Dr. J. TAUBENFELD
**przeprowadził się**
i przyjmuje
*w chorobach wewnętrznych i dzieci*
ul. MONIUSZKI 3
(Kościelna)

Dr. Med. SZ. HERTZ
*Akuszerja i choroby kobiece.*
**DZIECI** przyjmuje od godz. **1 — 3** pp.
RADOM, ul. RWAŃSKA 17 (19).

נאר 1 קאנצערט
היינט פרייטאג דעם 27 ה. י. 8.30 אווענד
— פונט פאר — אין טעאטער „רזומאיטאשטשי"
א — סימפאנישער קאנצערט
פון די וועלט-בעריהמטע קינסטלער
ברידער בארענבלאט
לאורעאטן פון דער בריסעלער קאנסערוואטאריום.
אין פראגראם: פערשידענע קלאסישע, ווי אויך יודישע קאמפאזיציעס.
פרייזען צוגענגליכע. — בילעטען צו בעקומען אין טיטין - סקלאד
טאמאנעק, לובלינער 43.

**W Niedzielę dnia 1 marca r. b.**
jako w pierwszą bolesną rocznicę śmierci
ukochanego i nigdy niezapomnianego
MĘŻA i OJCA b. p.
ADWOKATA
# Hirsza RAKOCZA
odbędzie się o godzinie 12 odsłonięcie pomnika
oraz nabożeństwo żałobne
na które krewnych i przyjaciół zapraszają
**Żona i dzieci.**

מיר גראטולירען הערצליך אונזער חבר שלמה ראזענבערג
צו דער פארלאבונג פון זיין טאכטער העלע מיט ה'
שמאי שערמאן. דעם פערלאבטען פאר'ל ווינשען מיר א
גליקליכען צוזאמענלעבען און די עלטערן נחת און צופרידענהייט.
שניידער-צעך
ביים יוד. שער. פאגד. קלוב אין ראדאם.

א הארציגען מז"ט ווינשען מיר אונזער חבר און פריינד
שלמה ראזענבערג צו דער פארלאבונג פון זיין
טאכטער העלע מיט ה' שמאי שערמאן
גליק דעם יונגען פאר'ל און נחת די עלטערן.
שמואל היינשטאק מיט פרוי

אונזערע הערצליכסטע גליקווינשען דער פאמיליע בראנער
צו דער חתונה פון זייער טאכטער
אסתר מיט ה' שמעון הילבערסבערג
דעם יונגען פאר'ל א גליקליכע צוקונפט און אייביגע צופרידענהייט.
משה ריכטמאן מיט פרוי.

אכטונג! אכטונג!
זונטאג דעם 1-טען מערץ 4 נ. מ.
ווערט אין זאהל פון האנדווערקער-קלוב (וואל 59) פארקומען
# א גראנדיעזע פורים-פארשטעלונג
פון דער „שול-קולט"-שולע
קומט מאסענווייז אויף דער פארשטעלונג פון דער איינציגער נאציאנאל-
וועלטליכער יודישער שולע אין ראדאם.
בילעטען צו 1 זל. שוין צו בעקומען אין קאנצעלאריע פון דער שולע
ווישאלדא 7 און אין טאג פון דער פארשטעלונג ביי דער קאסע.
דער איינקונפט איז בעשטימט אויף דער שול-ביבליאטעק.

Czystość — to zdrowie!
DLACZEGO
wszyscy oddają swoją **garderobę** do prania lub farbowania tylko do firmy
# O. R. HEMPEL
firma egzystuje **1880** r.
*farbiarnia parowa i pralnia chemiczna*
**FILJE: ul. Żeromskiego 1, ul. Żeromskiego 37 tel. 520**
**ul. Staromiejska 2, FABRYKA ul. Staromiejska 7** (d.5) **tel. 521?**
DLATEGO
że garderoba, uprana, lub ufarbowana w zakładach chemicznych **O. R. Hempel** wychodzi zawsze jak nowa.
**Ceny przystępne** **Robota solidna**

# די ענדגילטיגע רעזאלוציע פון די גרעסטע גדולי הדור וועגען דעם ראדאמער רבנות.

## הרב קעסטענבערג פערנעמט דעם כסא רבנות פון יאהר תרע״ד אין ראדאם כדת וכדין.

אויפ׳ן פערלאנג פון דער יודישער קהלה-פערוואלטונג" אין ראדאם און די בקשות פון קאמיטעט „רודף שלום״, וועלכער איז נעגרינדעט געווארען מיט א קורצע צייט צוריק, אויך לויט׳ן וואונש פון אדמורי״ם שליט״א און „אגודת הרבנים אין פוילען״, זענען מיר אהער געקומען, בכדי צו מאכען א ענדע צו די רייבונגען און מחלוקת, וועלכע דויערען שוין איינינע יאהר וועגען משרת רבנות אין ראדאם. קומענדיג אהער, האבען מיר געפונען, אז די מחלוקה האט רואינירט דאס גאנצע קהלה-לעבען און בשום אופן טארען מיר נישט איבערלאזען דעם זעלביגען צושטאנד אויך אויף ווייטער, דעריבער האבען מיר געפונען פאר נויטיג גרונדליך אדורכצושטודירען דעם ענין בכדי צו דערגיין דעם אמת און דורכצופיהרען א ענערגישע חקירת ודרישה, בכדי פעסטצושטעלען ווער ס׳איז דער פאקטישער שולדיגער אין דעם אלעם און צו האבען עפיס א גרונד די טענות פון די, וועלכע זענען געגען הרה״ג מו״ה יחיאל קעסטענבערג יחי׳ אב״ד דפה וועגען רבנות? צוליעב דעם ציעל האבען מיר פערעפענטליכט א ספעציעלען אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג און מיר האבען אויסגעפאדערט די געגנער פון רב שי׳, זיך צו שטעלען פאר אונז און פארלייגען זייערע פרעטענזיעס. דער אויפרוף איז פערשפרייט געווארען אין דער שטאדט, אז אלע בני-העיר זאלען דערפון וויסען. דער רעזולטאט דערפון איז געווען, דאס פאר אונז זענען געקומען יחידים אלס געגנער פון רב, דאגעגען איז צו אונז געקומען א ריעזיגע צאהל יודען פון די היעגע שטאדט און פיעל דעלעגאציעס פון אלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג אין נאמען פון דער איבערוויגענדער מעהרהייט (רוב מנין ובנין) פון דער יודישער קהלה, אויסדריקענדיג זייער פערלאנג, דאס מיר זאלען ארויסגעבען אונזער החלטה, אז דאס כסא הרבנות געהער נאר דעם דערמאנטען היגען רב שיחי׳ און קיינער טאר זיך נישט וואגען אויף דעם צו פרעטענדירען. אויך האבען זיי אונז בייגעלייגט דאס כתב-הרבנות פון רב שיחי׳, וועלכער איז בעשטימט געווארען נאך אין יאהר תרע״ד לויט די דינים פון אונזער הייליגע תורה. זיי האבען ערקלערט, אז פון דער צייט וואס דער רב האט איבערגענומען דער כתב-הרבנות, צייכענט ער זיך אויס מיט גרויסע פעהיגקייטען און ערהאבענע מדות און פיהרט זיין אמט אויפ׳ן וועג פון תורה און יראה. אויסער דעם אלעם האט מען אונז פערציילט אונצעהליגע וואונדערליכע פאקטען, וואס דער רב האט זיך ממש מוסר-נפש געווען לטובת הכלל און פאר יחידים און. אז ער האט פיעל מענשען מציל געוועזען ממות לחיים.

נאכ׳ן גרונדליכען בעטראכטען דעם בעלויכטונג׳ס-מאטעריאל פון דעם אלעם, געפונען מיר פאר א חוב צו ערקלערען דעם אמת פאר דער עפענט-ליכקייט לויט אונזער פעסטער מיינונג, אז דער משרת הרבנות אין דער שטאדט ראדאם געהער נאר להרה״ג מו״ה יחיאל הלוי קעסטענבערג שליט״א, אזוי איז פעסטגעשטעלט ביי אונז ווי אויך ביי הרבה גדולי ישראל שליט״א.

דעריבער ליגט א חוב קדוש אויף אלע יודען פון דער שטאדט, מכבד צו זיין דעם רב אלס מרא-דאתרא און בפרט איהם חלילה נישט מצער צו זיין און נישט איהם זיין כנגד בענין הרבנות און דורך דעם שלום וועט די שטאדט זיין געבענשט, ואין כלי מחזיק ברכה לישראל אל שלום.

באעה״ח אור ליום ה׳ משפטים כ״ח שבט תרצ״א לפ״ק פה ראדום.

נאום יוסף בהרה״ק זצללה״ה מאמשינוב
נאום אלי׳ ליפשיץ חוב״ק גריצא

נאום יצחק צבי לעווינזאהן (אב״דק ע״ח)
כעת מתגורר באטוואצק.

נאום מנחם מענדל אלטער אבד״ק פאביאניץ
ונאום יצחק מאיר ברמ״א קאנאל
בועד הרבנים בווארשא.

---

ב״ה

# אויפרוף

## פון סאקאלאווער רבי׳ן הרב הגאון הצדיק ר׳ יצחק זעליג מארגענשטערן שליט״א

## צו די יודישע קהלה-פערוואלטונג איז ראדאם.

אייער עקספרעס-בריף מיט די טעלעגראמע, וואס איהר האט אלארמירט מיט א פייערליכע שטימע כ׳זאל צו אייך קומען בעזייטיגען די קריג פון אמביציעס און צו לעשען דעם אש-זרה, וואס ברענט אין אייער שטאדט עטליכע יאהר, האט מיין פאמיליע פון מיר דאס ביז היינט בעהאלטען צוליב מיין קראנקהייט ל״ע, וואס דאקטוירים האבען מיר פערבאטען מיין שטוב צו פערלאזען, און זיי האבען געהערט פון מיר אין ווארשא, אז איך בין בערייט מיין לעבען איינצושטעלען און פליהען צו אייך אויפקשטעלען דעם דת אויף זיין געהעריג ארט און צו ברענגען אייער שטאדט אין ארדנונג.

שוין עטליכע יאהר, וואס די וינד פון אייער שטאדט דערגרייכען ביז׳ן הימעל, אויף דעם אומשולדיגען בלוט, וואס איז ביי אייך פערגאסען געווארען, דאס פערשוואכונג פון שם-שמים און דער כבוד-ישראל אין קהלות יעקב, וועלכעס בעלי-מחלוקת האבען פערשפרייט אין אייער שטאדט, דאס בלוט זידט נאך און קען זיך נישט בערוהיגען, איהר זאלט נישט מיינען, אז די דאזיגע בעלי-מחלוקת האבען נאר די שטאדט ראדאם בעפלעקט, מיט זייער שמוץ האבען זיי אויך פעראימרייניגט די גאנצע וועלט, זיי האבען צו-ריסען די זילבערנע קייט, זיי האבען אויך אויפגעבונדען די צוים פון עטיק און אלע יודישע קהלות.

שוין 3 יאהר שטייה איך און רוף: פערזינדיגט אייך נישט אין אייער רב, וויל זיין בלוט ווערט געמאהנט און דאס פערשעמונג וואס איהר האט געגען איהם געמאכט, ווער ווייסט מיט וואס איהר וועט דאס קענען פערווישען?

יעצט, אז איך האב זוכה געווען צו זעהן, אז דער אמת הויבט אהן ארויס-צודרינגען פון דער ערד זיינע שטראהלען, האב איך ביי מיר בעשטימט דורכאויס צו קומען צו אייך, אפילו זיך איינשטעלען בכדי די גאנצע וועלט

זאָל זעהען, אַז צוליב ן אויפהויבען דעם אמת דאַרפען די זקני העדה ודור־שיו זיך מתודה זיין, אַז אונזערע חענד האָבען דאָס בלוט נישט פערגאָסען און מיר זאָלען פערווישען די זינד פון שטאָדט. מיין פאמיליע האָט אָבער מיינע מלבושים פערשלאָסען און פערבאָטען, ער זאָל מיט מיר נישט פאָהרען.

דעריבער געפין איך זיך פערפליכטעט. כ'זאָל אייך איבערגעבען מיין מי־נונג בכתב:

**ראַדאָמער יודען!** איהר זאָלט וויסען, אַז איך בין פון די רבנים וואָס זאָגען, אַז הרה"ג המפואר ר' **יחיאל הלוי קעסטענבערג** שי' איז דער רב און אב"ד אין אייער שטאָדט און דאָס, וואָס מ'האָט איהם ביז היינט בעשמוצט איז דאָס אומווירדיגע בלבולים און די אַלע וואָס האָבען איהם פער־שעמט דאַרפען זיך ריינוואַשען און איהם מפייס זיין. קיין שום רב אין דער וועלט טאָהר אפילו נישט אין זינען האָבען קיין מחשבה-זרה צו קומען אין זיין שטאָדט אריין משיג-גבול זיין, די יודישע בעפעלקערונג אין ראַדאָם, יעצט ווי אויך נאָך די נייע וואַהלען וואָס וועלען פאָרקומען, דאַרפען פערפעסטיגען זיין רבנות שטוהל אויך געזעצליך לויט די הערשענדע געזעצען, אומקערען איהם צוריק זיין כבוד און די קוועלען פון זיין פרנסה. דער רב וועט אויך נישט זיין אין דעם מאָמענט איינגעשפאַרט און וועט אייך מוחל זיין, דערפאַר וועט השי"ת שיקען אייך זיין פרידען, איהר וועט זעהן זיינע הילף און וועט זיין זאַט. אויף דעם פסק פון די רבנים קען מען מיין אונטערשריפט שטעלען און דעם בריעף ערלויב איך צו פערעפענטליכען.

**הק' יצחק זעליג מסאצק**

האבד"ק סאקלוב.

# דורך דער ראַדיאַ-אַנטענע...

העברעאיש דורך דער ראַדיאָ-אַנ־טענע האָט מען אין פוילען ביז איצט נישט געהערט. נישט איינמאָל, האָט מען פלעגען דעם אויפמערקזאָם געמאַכט אָבער ליידער, אָהן ערפאָלג.

היינט איז עס א געשעהענער פאקט, פון וועלכען מען דאַרף ארויסדרונגען, אז מיר געהען פאָראויס. עס קומט א דערנעהנטערונג פון איינעם צום צווי־טען, מען דערנעהנטערט זיך צו אונז. שטעלט אייך פאָר, אַז א איד נאָך א גאנצער וואָך ארבייט, מיט אלערליי דאגות פון טאָג-טעגליכען לעבען, זעצט זיך במנוחה נעבען טיש, שטעלט פאר זיך א פיל פ'ס-הילכער און ווערט ערשטוינט פון דעם, וואָס ער הערט... א העברעאישע רעדע... וועגען ארץ־ישראל... ער ווערט ממש איבערראַשט.

דער פוילישער ראַדיאָ, גיט פאר זיינע צוהערער א העברעאישע רעדע, גע־האַלטען דורך דעם דירעקטאָר פון קרן היסוד אין ירושלים, דיכטער לייב יפה... עס וואָלט זיך נישט געוואָלט גלויבען, אָבער עס איז דאָך אזוי. ער רעדט...

* * *

„מביא אני דרישת שלום מארץ ישראל"... ווי שעהן איז דאָס געווען ארויסגעזאָגט דורכ'ן דיכטער אין דער אלט-נייער-העברעאישער שפראַך... ווי בעראַשט זענען מיר געוואָרען ווען מיר האָבען געהערט אָט די ריינע טענער פון דער שעהן-קלינגענדער ארץ־ישראל-שפראַך...

מיר שטעלען אָן די אויערען און... מיר הערען וועגען דעם עמק יזרעאל, וועגען תל-אביב „העיר היהודית בעולם" און וועגען די „הלוצים שבונים את הארץ"...

די ראַדיא-כוואַליעס טראָגען איבער דער וועלט דאָס וואָרט, וועגען אונזער אויפבוי-ארבייט, פון די עטער-כוואַל־יעס שווימט ארויס דער מעכטיגער רוף צום אייראָפעישען פאָלק וועגען ווייטערען קאַמף פאר דער רעאליזאציע פון ציוניזם... די וועלט ווערט געוואויער וועגען אונזער מסירת-נפש'דיגער אר־בייט און וועגען איהרע פרוכטען, וועלכע געהערען צו דער געגענוואַרט און ריינע ווירקליכקייט.

* * *

און ווען איך האָב געהערט דעם סוף פון לייב יפה'ס רעפעראט: „ארץ ישראל קוראת — עם ישראל שלוב לקרוב ולרחוק" האָב איך איינגעהאַל־טען דעם אָטעם, אפשר וועט ער נאָך רעדען, צו אונז און אונזער שפראַך. אָבער ליידער... ער האָט געענדיגט...

עס איז מיר געוואָרען אונהיימליך ווען אנשטאט צו הערען העברעאיש האָב איך געמוזט הערען דאָס, וואָס דער ספיקער פון דער ראַדיאָ-סטאציע, וועט מיר זאָגען אין א פרעמדע פאר מיר שפראַך...

און איך האָב געקלערט. מען דאַרף שאַפען אין ארץ ישראל א ראַדיאָ־סטאַציע. כדי מיר אידען אין גלות זאָלען כאָטש קענען הערען די טענער פון דער לעבעדיגער שפראַך, וועלכע האָט אזוי פיעל. פאר אונז און פאר אנדערע געשאַפען... כדי מיר זאָלען, אויך נישט זייענדיג דאָרט, מיט זיי, די „דאָרטיגע", לעבען צוזאמען. די בעסטע פראָפאגאנדע פאר ארץ ישראל.

ראַדאָם. **פ פישמאַן.**

Biuro Prośb i Podań

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA:

Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.

Redaguje Podania:

Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.

Windykacje należności w całej Polsce.

Informacje o zdolności kredytowej

Przepisywanie na maszynach.

Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

# טאג-בוך

## פון א ראַדאָמער זעלבסטמערדער

די גאַנצע קאַמער האָט מיר פלוצלינג אויסגעזעהן ווי א פוסטער, ליידיגער פינסטערער גרוב. איך האָב מיר געריסען ביי די אויגען און זיך אַליין גע־פרעגט: צי בין איך בלינד געוואָרן, פאַר וואָס זעה איך נישט קיינעם? אפילו הערען האָב איך אויפגעהערט. אַזוי צעמישט בין איך געוואָרען. איך האָב זיך אַליין געפרעגט פאַר וואָס ביטער

איך אזויז איך האָב דאָך שוין אַליין אויסגעקוקט דעם טוידט. איידער אזאַ הינטיש און אומגליקליך לעבען. אָבער אַזוי איז שוין דער כח פון לעבען. מען וויל שטאַרבען, אָבער ווען מ'זעהט דעם מלאך-המות, דערפיהלט מען דעם שוידער און די גרויליכקייט פון טוידט. אויסער דעם האָבען מיך געפייניגט אונ־מענשליכע יסורים צוליב דעם, וואָס

איך האָב נישט געוויסט פאַר וואָס מ'נעהט מיך שיסען. איך בין קיין פער־ברעכער נישט בעגאַנגען. כ'האָב נישט קיינעם געטוהן קיין שלעכטס, פער־קעהרט, איך האָב זיך דאָך נאָך אָנ־גענומען די קשיודע פון בע'עולה'טע מענשען ביי וועמען מ'האָט געוואָלט צונעמען זייער לעצט ביסאַל פערמעגען. צי דערפאַר קומט מיר „סטיענקאַ" וואָס איך האָב פראָטעסטירט געגען די באָל־שעוויקעס, וואָס זענען געקומען אין דער וואָהנונג פון מיין בעל-הבית'טע און ארויסגענומען פון די אויפגעבראָ־כענע חענד דאָס ביסעל גאָלד און זילבער, וואָס איז דאָרט געלעגען בע־

האַלטען? מיר האָט וועה געטוהן נאָך מעהר, וואָס יענע בערויבטע מענשען האָבען חושד געווען מיין טאָכטער די משעקאַ-אַגענטקע, אַז זי זאָל האָבען גע'מסר'ט און אויסגעגעבען פאַר די באָלשעוויקעס דאָס בעהעלטניש. איך האָב זיך פשוט געריסען די האָר פון קאָפּ און מיינע אַלע גלידער האָבען געשריגען איין גרויס געשריי: געוואַלד, וואָס פאַר א מערדערליכע וועלט איז דאָס! מיינע איידעלע בעלי-בתים, די אייגענטימער פון יענער וואָהנונג, וואו איך האָב געוואָהנט האָט מען רואינירט, צובראָכען, מ'האָט צוגענומען זייער פערמעגענס און זיי בדיל הדל געמאַכט, און טאַמער איז דאָס נאָך וועניג, האָט

# ס'איז שוין בעשטימט געוואָרען אַ וואַהל=קאָמיסיע צו די נייע וואהלען פון דער ראדאָמער יודישער קהלה.

ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, האָט דאָס מיניסטעריום פאַר אמונות און רעליגיעזע ענינים בעשטימט וואַהלען פאַר די יודישע קהלות אויפ'ן 27 מאַי ה. י.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די פעראָרדענטע וואַהלען, וואָס זענען אויך חל אויף דער ראָדאָמער יודישער קהלה, איז שוין אין ראדאָם, ווי מיר הערען, געשאַפען געוואָרען א וואהל-קאָמיסיע. אין צוזאַמענשטעל פון דער קאָמיסיע געהען אריין פאָלגענדע פערזאָנען:

בנימין האָכמאַן, ירחמיאל גוטמאַן, לייביש מענדעל זילבערשטיין, מאָטעל זעלצער, אבאַ האָך. די דאָזיגע ה"ה זענען פערטרעטען אין דער וואַהל-קאָמיסיע פון דער קהלה-פערוואַלטונג. פון צד אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס זענען רעפּרעזענטירט פאָלגענדע ה"ה: ליאָן בעקערמאַן, דיר. יעקב קאָפּאָי, משה אליעזר בערגער, חיים אהרן ווייגאַכט, אברהם פעריל, אלי' טענענבוים, משה אָסטראָוויעצקי, איתמר גארפינקעל, חיים קעניגסבערג, חיים יוסף ראָטבלאַט, משה איטשע חאַרוויטש. אלס פערטרעטער: פּלטי גאָלדפאַרב, אברהם ברעסלער, חיים גאָלדבערג, חנוך ראָזענבוים, לייזער ראָזענבוים.

די נאָהנטסטע טעג טרעט שוין צו די וואַהל-קאָמיסיע צו דער אַרבייט. זי וועט בקרוב אָנהאַלטען זיצונגען מיט'ן צוועק צו אָרגאַניזירען די טעכנישע וואַהל-פּראָצעדור, וואָס איז פערבונדען מיט רעאַליזירען די נייע וואַהלען.

עס קורסירען קלאַנגען אין שטאָדט, אז ה' יאָסיל קעניגסבערג זאָל זיך האָבען משתדל געווען אין וואַרשאַ, דאָס מ'זאָל בעשטימען אין ראַדאָם אַ וואַהל - קאָמיסיע אין זיין פערזאָהן, דערצו זאָל איהם האָבען מיטגעהאָלפען זיין קרוב דעפּוטאַט מינצבערג. ε

זונטאָג דעם 1 מערץ ה. י. 8 אָוועגד קומט פאָר אין „ראָזמאַיטאָשטשי"

## א טרויער = אקאדעמיע

צו דער 11-ער יאָהרצייט פון יודישען העלד יוסף תרומפּלדור

א רעפעראט פון מפּקד הראשי אהרן פּראָפּוס

——— אין פּראָגראַם: ———

דעקלאַמאַציעס, כאָר-געזאַנג און מוזיק פון יודישען אָרקעסטער.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע חברים

ישראל העלצמאַן און הערשעל באָרענשטיין

צוליב דעם טויט פון זייער פרוי און שוועסטער

## לאה העלצמאן נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

חברה „אהבת רעים" בראדום.

הננו משתתפים בצערו של חברנו א ל כ ס נ ד ר ק י ר ש ב ר ו י ן

סגן יושב-ראש הועד המרכזי של ההסתדרות „מ ס ד ה" בפולניה,

במות אליו א ב י ו

## ר' אליהו קירשברוין נ. ע.

בעבודתו הציונית ימצא נחומים

הסתדרות הנער הציוני - הרביזיוני

„מסדה" בראדום.

דער יודישער בעקער - צעך אין ראדאָם

און די „ספּולסאַ" פון די מעכאנישע בעקערייען

דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

דער פאמיליע פ ר י ד מ אַ ן (זשאבּיע 8)

צוליב'ן טויט פון זייער מוטער און שוויגער

## ר ח ל נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

טיעף ערשיטערט צוליב דעם טראגישען טויט פון אונזער ליבען קוזין

## ירחמיאל פרידמאן

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל די גאַנצע פ אַ מ י ל י ע.

שמעון פישמאן עט פאַמיליע

פ א ר י ז.

Uwaga! Znana w Radomiu ze swej specjalności Uwaga!

prania firanek

## Pralnia „EKONOMJA"

Żeromskiego 9.

zawiadamia Sz. Klijentelę, że najwyższy już czas zaopatrzyć się na nadchodzące święta wielkanocne w elegancko upraną i prasowaną na specjalnych ramach firankę

**Cena znacznie zniżona!!!**

Przyjmujemy również do prania chemicznego wszelkie jedwabie i wełny oraz plisowania, karbowania i dekatyzowania

systemem najnowszym

*Kino dźwiękowe CORSO*

Dziś i dni następnych

## SYN BOGÓW

*Kino dźwiękowe ODEON*

Od 9 Lutego r. b.

## JEDNA NOC (ewentualnie)

w rolach głównych: **Jenny Jugo, Jan Rieman**

*Kino „Nowe Czary" Teatr*

## PANNA ELZA i KOBIETA i PAW

די פּאָפּולערע און איבעראל - אָנערקענטע

פאַרבּערט פאַרבּערייי און כעמישע פּראַלניע

## J. ZÜCHNERA

נעמט אָן צו פאַרבּען און צו פּוצען אויף אַ כעמישען אופן

מענער און דאַמען - גאַרדעראָבּעס, ווי אויך גאַרניטורען

קאָסטיומען, פּאַלטענס, ק ל ײ ד ע ר, בלוזקעס,

און אַלערליי פוטערוואַרג.

דאָס אַלץ ווערט אויסגעפיהרט פּינקטליך, סאָליד און ביי צוגענגליכע פּרייזען.

די פירמע י. ציכנער, בעזיצט אַ פיליע אויף זשעראָמסקי 47 וואו עס ווערען אָנגענומען אַלעאַרט בעשטעלונגען פאַר דער דערמאָנטער פאַרבּעריי

——— און פּראַלניע. ———

*J. ZÜCHNER, Radom.*

Spacerowa 21

# די שטאדט-גאזאווניע

— פערקויפט —

הורט און דעטייל

פרעפארירטע סמאלע — קארבאלינעאום

און קאקס

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען

— פיהרט אויס —

# גאז-אינסטאלאציעס

וואננע אייוועלעך

קיכלעך צו קאכען

אייוועלעך צו ווארימען

— בעשטעלונגען נעמט-אן —

GAZOWNIA MIEJSKA

MŁODZIANÓW, Tel. 134 skrz. p. 28


## זאל די עפענטליכקייט וויסען

וואס צוויי שוועסטערן קאנען. פר׳ גאלדע פרידמאן (וואלאווא) מיט איהר שוועסטער פייגע גיטעל (סטארא-קראקאווסקא) תבואה-סוחר׳עס האבען מיך בעפאלען ביי מיר אין שטוב, מיך געשלאגען און צעקלאפעשעט, אויסגעהאקט ביי מיר פיער שויבען, אריינגעווארפען שטיינער און מיין גאנץ וואהנונג רואינירט אהן א פאר וואס. דער גאנצער ענין איז איבערגעגעבען אין געריכט.

חנה אבראמאוויטש פאדוואלנע 3







## P R Z E T A R G

Gazownia Miejska w Radomiu sprzeda w drodze

p r z e t a r g u

**80 ton smoły preparowanej,**

**8 ton carbolineum.**

**5 ton benzolu surowego.**

Oferty należy składać w biurze Gazowni Miejskiej Młodzianów, ulica Gazowa w zalakowanych kopertach z napisem „Oferta na smołę".

Gazownia zastrzega sobie wybór oferenta

**Z a r z ą d**

**Gazowni Miejskiej.**


**MAGISTRAT m. RADOMIA**
**Wydział administracyjny**
**Nr. 449|Adm.**
**dnia 29 stycznia 1931 r.**

# OBWIESZCZENIE

w sprawie numeracji domów i mieszkań

**Na mocy Rozporządzenia Pana Wojewody Kieleckiego z dnia 31 grudnia 1930 r. na zasadzie par. 27 pkt. 8 Rozporządzenia Ministra Spraw Wewnętrznych z dnia 16 października 1930 roku o meldunkach i księgach ludności (Dz. U. R. P. Nr. 83 poz. 653) Tymczasowy Zarząd miasta Radomia, zarządza co następuje:**

1) Wszyscy właściciele domów w Radomiu lub ich zastępcy obowiązani są w terminie **do końca lutego 1931 roku** umieścić na swych domach w miejscu widocznem przy głównem wejściu do nieruchomości od strony zewnętrznej **tabliczkę lub latarnię orjentacyjną z numerem domu,** wyznaczonym przez Zarząd miasta i utrzymywać ten numer w stanie czytelnym.

2) Numer winien być wypisany na metalowej biało pomalowanej tabliczce, wymiaru 15 x 20 cm., kolorem czarnym, cyframi arabskiemi wzdłuż dłuższego boku tablicy i mieć wysokość 10 cm.

3) Właściciele domów, położonych w dzielnicy śródmiejskiej objętej ulicami: Podjazdowej, Traugutta do Narutowicza, Narutowicza do Starokrakowskiej, Starokrakowską do Wałowej, Wałową do Montwiła Mireckiego, Mireckiego do Wernera, Wernera do Jacka Malczewskiego, Jacka Malczewskiego do Kozienieckiej, Kozieniecką do 1-go Maja, 1-go Maja do Żeromskiego, Żeromskiego do Czachowskiego, Czachowskiego do Podjazdowej tudzież na tych ulicach oraz na ulicach: Żeromskiego, Słowackiego, Malczewskiego i Mlecznej do zielonej, obowiązani są zamiast tabliczek o których wyżej mowa, umieścić **latarnie trójkątne**, których dwie zewnętrzne ściany winne posiadać szyby ze szkła białego z wymalowanemi na nich czarnemi numerami.

Uwaga: Wzór latarni i tabliczki jest wywieszony przy głównem wejściu do Ratusza (Rynek 1).

4) Właściciele domów lub ich zastępcy obowiązeni są w terminie **do 15 lutego 1931 r. ponumerować wszystkie mieszkania** o ile jest ich więcej, niż cztery w danym domu i właściwy numer umieścić nad głównem wejściem do mieszkania. Numeracja mieszkań winna być prowadzona w cyfrach arabskich, winna rozpoczynać się od mieszkań położonych na parterze i przechodzić stopniowo na wyższe piętra. Nad **głównem wejściem** do pewnej grupy mieszkań winny być umieszczone wszystkie numery tych mieszkań, do których wejście prowadzi.

Numery te winny być koloru czarnego i mają być umieszczone na metalowej, biało pomalowanej owalnej tabliczce wymiaru 4 x 6 cm.

Uwaga: Jeśli na posesji jest kilka budynków zamieszkałych, to mieszkania w tych budynkach mają mieć wspólną bieżącą numerację.

5) Właściciele nowowybudowanych domów lub ich zastępcy obowiązani są **przed oddaniem domu do zamieszkania** przeprowadzić numerację mieszkań (par 4 niniejszego obwieszczenia) oraz wywiesić przed domem tabliczkę względnie latarnię z numerem domu (par. 2 i 3 niniejszego obwieszczenia) **po uprzedniem zgłoszeniu się do Magistratu o nadaniu numeru nowowzniesionej budowli.**

6) Właściciele nieruchomości lub ich zastępcy, winni niewykonania postanowień niniejszego obwieszczenia, ulegną w drodze admin. karze, przewidzianej w art. 25 pkt. 3 rozporządzenia Prezydenta Rzeczypospolitej o ewidencji i kontroli ruchu ludności (Dz. U. R. P. Nr. Nr. 32 poz 309) niezależnie od zastosowania przez władzę w myśl art.43 pkt.5 rozporządzenia Ministra Spraw Wewnętrznych z dnia 16 października 1930 r. o meldunkach i księgach ludności (Dz. U. R. P. Nr 84 poz. 653) środków przymusowych, przewidzianych w rozporządzeniu Prezydenta Rzeczypospolitej z dnia 22 marca 1928 r. o postępowaniu przymusowem w administracji (Dz. U. R. P. Nr. 36 poz. 342).

**Kierownik**
**Tymczasowego Zarządu m. Radomia**
(—) **Wiktor Pietrusiewicz**

**p. o. Naczelnika Wydziału**
(—) **Stefan Tyll**

Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kelcer Leben" Radom Szwarlikowska 28.